י. קאַמינסקי

# גייט אַ הינדעלע קיין בראָנזוויל



בילדער פון נאָטע קאָזלאָווסקי
און ליטאָגראַפישע פּלאַטן

ליטאָגראפירט פון ג. גראַפשטיין



# גייט אַ הינדעלע קיין בראָנזוויל



גייט אַ הינדעלע קייַן בראָנזוויל לייגן אייער. גע־
הערט האָט זי, אַז אין בראָנזוויל זייַנען קינדער קליינינ־
קע און בלאַסע, דאַרינקע און שוואַכע, ווייַל אַ סאַך
מאַמעס דאָרט, האָבן אָפט קייַן געלט ניט פאַר די קינ־
דער קויפן פרישע אייער. האָט זי זיך דערפאַר גע־
לאָזט אַהין לייגן ווייַסע אייער פאַר די קינדער און גע־
נומען אַ געפלאָכטן קאָשיקל אונטערן פליגל, טאָמער

# *Hindele la poulette se rend à Brownsville*

*Hindele la poulette se rend à Brownsville pour y pondre des œufs. Elle a ouï dire que là-bas, il y avait des petits enfants au teint pâle, maigrichons et chétifs, car souvent, leurs mamans n'ont pas assez d'argent pour leur acheter des œufs frais. Elle part alors d'un pas décidé pondre des œufs blancs pour ces enfants, un panier tressé sous son aile, au cas où il lui prendrait l'envie d'en pondre un en chemin. Et Hindele est capable de pondre autant d'œufs qu'elle veut et quand elle veut !*



גײט הינדעלע קײן בראָנזוויל לײגן אײער

וועט זיך איר פֿאַרגלוסטן לייגן אייער אונטערוועגנס.
און הינדעלע געקענט האָט לייגן אייער וויפֿיל נאָר זי
האָט געוואָלט און ווען זי האָט געוואָלט.

גייט זי זיך אַזוי איבער ענגע טראָטואַרן, איבער
לאַנגע עווענױס און גאַסן און כדי דער טראָט זאָל איר
זײַן גרינגער און דער וועג וואָס גיכער, זינגט זי זיך אַ
לידל צו אַזוי:

קו־דאַכ־טאַך, קו־דאַכ־טאַך,
אוי, איך אײַל זיך זייער, —
ווײַל איך גיי קײַן בראָנזוויל
פֿאַר קינדער לייגן אייער.

(אַ חוץ וואָס זי האָט ליב געהאַט צו לייגן אייער
אַלע ווײַלע, האָט זי דערצו געקאָנט נאָך רעדן מיט אַ
גראַם.) זעען מענטשן ווי סע שפּרייזט אַ הינדעלע מיט
אַ קאָשיקל אונטערן פֿליגל און זינגט אַ לידל צו, קוקן
זיי פֿאַרחידושט אָן און טרעטן אָפּ דעם וועג איר.

גייט אַזוי זיך הינדעלע, שפּרײַזט אַ לאַנגע צײַט, ביז
זי קומט צום רוישיקן און טומלדיקן טײַמס־סקווער.
פֿאַרגלוסט זיך איר דערווײַל אָן איי צו לייגן. מאַכט זי
ניט קיין לאַנגע שיעס, שטעלט דאָס קאָשיקל אַוועק

*Elle longe d'étroits trottoirs, traverse de larges avenues, des rues, et, pour avancer d'un pas plus léger et pour que la route lui paraisse plus courte, elle chantonne le refrain suivant :*

*Ku-dakh-takh, ku-dakh-takh,*
*Oy, je presse le pas*
*Car je me rends à Brownsville*
*Pondre des œufs pour les petits gars.*

*Outre le fait qu'elle aime pondre des œufs à tout moment, elle ne parle qu'en vers. Les gens, voyant une poule avancer à vive allure avec un panier sous son aile, et de surcroît, chanter une chanson, la regardent étonnés, et s'écartent pour la laisser passer.*

*Hindele avance à grandes enjambées un bon bout de temps, jusqu' à Times Square, la place animée et agitée.Il lui prend alors l'envie de pondre. Ni une ni deux, elle pose le panier, en plein centre de Times*

אין סאַמע מיטן טײַמס־סקווער, וואו עס קומען זיך צו־
נויף אַזוי פיל גאַסן, קריכט אַרײַן אַהין און הײבט אָן
זינגען הויך:

קוואָ־קוואָ־קוואָ־קוואָ־קוואָ!
אָט זעץ איך זיך אַוועק
און מאַך מיר צו די אויגן, —
און אײנס און צוויי און דרײַ
נעם איך אײער לײגן.

און דערווײַל פון אַלע זײַטן קומען אָן און פליען אָן אָטאָס, אָטאָ־באָסן, וועגענער, טראַמווײַען און פוס־גײער אַלץ מער און מערער און אַלע בלײַבן שטײן, אַ טראָט ניט ווײַטער, קענען זיך ניט רירן, — אויף מײַלן אָפגעשטעלט די טראַפיק. פײַפן אומ־געדולדיק אָטאָ־באָסן, קלינגען די טראַמווײַען, פיל־דערן און טומלען, מענטשן, שטופן אין געדרענג זיך, אַלע ווילן גײן און פאָרן, — נאָר מע קען ניט, ווײַל אין סאַמע מיטן טײַמס־סקווער זיצט אַ הינדעלע אין אַ געפלאָכטן קײשל און איז גרײט אַן אײ צו לײגן.

קומט דערווײַל אויף גיך צולויפן אַ הויכער, גלאַ־טער פאָליצײמאַן זען ווער סע האָט אים אָפגעשטעלט




הײַ, ווי וואַגסטו און ווי מעגסטו מיר שטערן דאָ די טראַפיק!

די טראַפּיק, און דערזעט דאָס הינדעלע אין קײשל. נעמט דער פּאָליציײמאַן שרײַען: הײ, ווי וואַגסטו און ווי מעגסטו מיר שטערן דאָ די טראַפּיק. פּאַר אַזאַ מין מײַסע (מעשה) גײט מען אין געריכט און מע צאָלט אַ שטראָף אַ שווערע.

ענטפערט הינדעלע פון קײשל:

קו־דאַך־טאַך, קו־דאַך־טאַך,
אוי, איך אַײל זיך זײער, —
ווײַל איך גײ קײַן בראָנזוויל
פאַר קינדער לײגן אײער.

ווערט דער פּאָליציײמאַן אָנגעצונדן: וואָס מיר בראָנזוויל! ווער מיר אײער! האָסט די טראַפּיק דאָ צעפּאַטערט (פּטרט). זע, וואָס ס׳טוט זיך דאָ אויף מײַלן. נאַ, אָט האָסטו דיר אַ קוויטל און לאָמיר אין געריכט גײן טײקעף (תּיכּף). און ער נעמט דאָס קײשל מיטן הינדל און לאָזט זיך צום געריכט אַוועק.

אין געריכט־זאַל זיצט דער ריכטער מיט אַ מינע וואַזשנע־ערנסט, וואַרט מע זאָל אים אָנגעקלאָגטע ברענגען. טוט זײַן פליכט דער פּאָליציײמאַן, טראָגט צום ריכטערס טיש צו ס׳קײשל מיטן הינדל.

*Square, au croisement de nombreuses rues, elle se faufile dans le panier, et se met à chanter à tue-tête :*

*Kva kva kva kva kva !*
*C'est ainsi que je me pose*
*Je ferme les yeux*
*Et un.. Et deux.. Et trois*
*Je ponds un œuf, et voilà !*

*Pendant ce temps, de tous côtés passent et filent de plus en plus de voitures, d'autobus, de carrioles, de tramways et de passants ; et ils se retrouvent coincés. Ils ne peuvent plus avancer ne serait- ce que d'un pouce. La circulation est bloquée sur des kilomètres. Les chauffeurs d'autobus, impatients, se mettent à klaxonner, les tramways font retentir leur sonnerie, les gens font du vacarme et s'agitent, se poussent et se bousculent. Ils veulent tous bouger et avancer, mais c'est impossible. Tout ça, parce qu'en plein centre de Times Square, une poulette est assise dans un panier tressé et se prépare à pondre un œuf..*



„אָט־אַ־דאָס־אָ, ווי איר קוקט עס
אָן ,יור האָנאָר, האָט געשטערט
די טראַפיק און אָנגעמאַכט מיר
טראָבל. ס׳האָט זיך איר פאַרגלו־
סט אויף טײַמס ־ סקווער אַן איי
צו לייגן און ניט אַנדערש.״ פאַס־
קנט (פסקנט) אָפּ דער ריכטער,
אַז פאַר אַזאַ פאַרברעכן דאַרף
מען צאָלן שטראָף צוויי טאָלער,
פרעגט זי אים: „יור האָנאָר, אפילו
אַ הינדעלע, וואָס גייט קײַן בראָנז־
וויל פאַרקינדער לייגן אייער ?״
ווערט דער ריכטער אומצופרידן:




וואָס, דו ווילסט מיר גאָר ניט גלויבן ? — קוס אַהער
וועל איך דיר ווײַזן. און ער נעמט פון טיש אַ שווערן
בוך אַרונטער, עפנט אויף אין מיטן און ער ווײַזט
איר : זעסט אויף אָט־אָ דעם־אָ בלאַט, אין אָ־דעם־
אָ פּאַראַגראַף שטייט בפירוש אָנגעשריבן, אַז מען
שטערט די טראַפּיק צאָלט מען שטראָף צוויי
טאָלער. און אַז מען האָט ניט קיין מזומן ווערט מען
אײַנגעשפּאַרט אויף גאַנצע צוויי מעס־לעס (מעת לעת)

קוקט הינדעלע צוזאַמען מיטן ריכטער אינס דיקן
בוך, זעט זי, אַז ס׳איז טאַקע אמת, אַז אַזוי איז אָנגעשריי־
בן שוואַרץ אויף ווײַס : צוויי טאָלער שטראָף אָדער
צוויי מעס־לעס פאַרשפּאַרט אונטער שלאָס און טירן.

*Voici qu'arrive, bientôt, en courant un officier de police, de grande taille, pour constater ce qui se passe et comprendre qui a arrêté la circulation. Et il aperçoit la poulette dans le petit panier. Voilà que le policier se met à crier.-'' Hé ! Comment osez-vous et pouvez-vous gêner la circulation ?''. Pour des faits pareils, on va au tribunal et on paie une lourde amende.*
*De son panier, la poulette répond :*

*Ku-dakh-takh, ku-dakh-takh,*
*Oy, je presse le pas*
*Car je vais à Brownsville*
*pondre des œufs pour les gars.*

*Le policier est hors de lui. –''De quoi Browsnville ! Et puis quoi encore pondre des œufs. Vous avez dérangé la circulation. Regardez, elle s'étire sur des kilomètres. Bon, bon, je vous donne une amende et allons sur le champ au tribunal.''*
*Sur ce, il soulève le panier et la poulette, et se rend au tribunal.*

*Dans la salle d’audience, le juge est assis et son visage affiche un air très sérieux. Il attend qu’on lui amène l’accusée. Le policier fait son devoir. Il pose sur la table du juge le petit panier et la poulette.*

- *‘’C’est précisément ce que vous regardez, votre honneur, qui a dérangé la circulation et a provoqué des troubles. Elle prenait plaisir à pondre des œufs sur Times Square et rien d’autre’’.*

*Le juge décide que, pour un délit de cette nature, elle devra payer une amende de deux dollars.*

*Elle lui demande : -‘’Votre honneur ! Même s’il s’agit d’une poule qui se rend à Brownsville dans le but de pondre des œufs pour des enfants ?’’*

*Le juge est mécontent : ''-Quoi ! Vous ne voulez pas me croire ? Approchez-vous, je vais vous montrer''. Et il prend de la table un gros livre volumineux, l'ouvre au milieu, et lui dit en pointant du doigt :*

*- ''Vous voyez, là, à cette page exactement, à ce paragraphe précis, il est clairement écrit, que quiconque gêne la circulation devra s'acquitter d'une amende de deux dollars. Et que si l'on n'a pas d'espèces, on sera mis en cellule pendant deux jours entiers.''*

*Hindele regarde avec le juge le livre volumineux .Elle voit, qu'il dit vrai, que c'est écrit ainsi noir sur blanc : Deux dollars d'amende ou deux journées entières sous les barreaux.*

*Hindele s'adresse au juge : -''votre honneur, je n'ai pas ces deux dollars, mais :*

*Kva kva kva kva kva !*
*C'est comme ça que je me pose*
*Je ferme les yeux*
*Et un.. Et deux.. Et trois*
*Je me mets à pondre des œufs ''.*

*Et elle s'assoit sur le livre, sur la page même du paragraphe qui parle d'entrave à la circulation et y pond un œuf blanc.*
*Elle se lève, coince le petit panier sous son aile, prend son essor et quitte la salle du tribunal en s'envolant par la fenêtre, passant par la rue Delancey en direction du grand pont de Williamsburg. Et au moment où elle*

רופט הינדעלע זיך אָפּ צום ריכטער: יור האָנאָר,
קײַן צװײ טאָלער האָב איך ניט, נאָר —
קװאָ־קװאָ־קװאָ־קװאָ!
אָט זעץ איך זיך אַװעק
און מאַך מיר צו די אויגן, —
און אײנס און צװײ און דרײַ
נעם איך אײער לײגן.

און זי זעצט זיך אויפֿן בוך, אויף יענעם בלאַט, אויף יענעם פּאַראַגראַף װאו ס׳רעדט זיך װעגן שטערן טראַפּיק און לײגט אַװעק אַ װײַסע אײ, הויבט זיך אויף נעמט ס׳קאָשיקל אונטערן פֿליגל, פֿליט אַרויס מיט אימפּעט פֿון געריכט־זאַל דורכן פֿענצטער און לאָזט זיך מיט דילענסי סטריט צו דער װיליאַמסבורגער בריק דער לאַנגער. און אַז זי קומט נאָר אויפֿן בריק אַרויף הערט זי אַ געשרײ פֿון אונטן: װאַרף דעם באַל! כאַפּ דעם באַל! װאַרף צומיר! נײן, צו מיר: װערט זי נײַ־געריק צו װיסן, שטעלט זיך אויף דער שטאָלענער פּאַרענטשע, קוקט אַרונטער, זעט זי: ײנגלעך אויפֿן גאַס, לעבן סאַמע בריק שפּילן זיך אין באַל. אײנער װאַרפֿט און די אַנדערע שטײען גרײט צו כאַפּן מיט



און סע נעמען פאַלן ווײַסע אײער אין די אויסגעשטרעקטע הענטלעך

*arrive en haut du pont, quand, elle entend des cris en bas.*

*–''Lance la balle ! Attrape la balle ! Lance là moi ! Non, à moi !''. Curieuse de savoir ce qui se passe, elle se pose sur le parapet métallique, s'y agrippe, regarde en bas, et voit de jeunes enfants dans la rue, près du pont même, jouant au ballon. L'un d'entre eux lance la balle et les autres se tiennent prêts à l'attraper avec leurs petits bras tendus. Hindele réfléchit un instant, puis se met à chantonner, et des œufs blancs se mettent à tomber dans les petites mains tendues des jeunes tout surpris. Entretemps, Hindele sautille sur le parapet métallique et, sur le pont de Williamsburg se laisse aller à chanter sa chanson à haute voix :*

*Kva kva kva kva kva !*
*C'est comme ça que je me pose*
*Je ferme les yeux*
*Et un.. Et deux.. Et trois*
*Je me mets à pondre les œufs,*

*jusqu' à ce qu'elle arrive à l'extrémité du pont et voit qu'un homme s'y tient et attend.*

די אויסגעשטרעקטע הענטלעך. טראַכט הינדעלע אַ ווײַלע און צעזינגט זיך און עס נעמען פֿאַלן ווײַסע אײַער אין די אויסגעשטרעקטע הענטלעך פֿון די אי־בערראַשטע ייִנגלעך. הינדעלע דערווײַלע שפּרינגט אַרונטער פֿון דער שטאָלענער פּאַרענטשע, לאָזט זיך איבער וויליאַמסבורגער בריק זינגענדיק איר לידל הויך:

קו־דאַכ־טאַך, קו־דאַכ־טאַך,
אוי, איך אַייל זיך זײער, —
ווײַל איך גײ קײַן בראָנזוויל
פֿאַר קינדער לײגן אײער.

ביז זי קומט צום סוף פֿון בריק און זעט אַ מאַן דאָרט שטײן און וואַרטן.

האַ, וואָס? באַגעגנט איר דער מאַן, דעם וועג קײַן בראָנזוויל ווילט איר וויסן? מע נעמט זיך רעכטס, מע נעמט זיך לינקס; מע גײט אַרויף און מע גײט אַראָפּ, אָט־דאָס איז דער וועג קײַן בראָנזוויל. נאָר ס׳איז ווײַט אַהין צו־פֿוס צו גײן, נעמט בעסער אָט־דעם־אָ דאָרטן אָטאָ־באָס, וועט ער אײַך ברענגען גלײַך אויף פּיטקין עווענױ, אין סאַמע האַרץ פֿון בראָנזוויל.

באַדאַנקט אים הינדעלע מיט אַן איי אַ ווייסער, שפּרינגט אַריין אין אָטאָ־באָס, וואָס איז גראָד אָנגע־לאָפן.

„פּעיר, פּליז״! רופט העפּלעך אויס דער טרײַ־בער און שטרעקט אויס זיין האַנט די ברייטע. שווייגט הינדעלע און וויל אַן אָ ר ט פאַרנעמען.

„פּעיר, פּליז״! דערמאָנט איר נאָכאַמאָל דער טרײַ־בער. הינדעלע ווי ניט איר מיינט מען, זיצט אַ שטילע.

„ניקל, פּליז״! ווערט דער טרײַבער אומגעדולדיק.

„זע־נאָר, זע־נאָר,״ טראַכט זיך הינדעלע, „אַלע ווילן זיי נאָר געלט ביי מיר. דעם ריכטער גיב צוויי טאָ־לער, דעם באָס־טרײַבער אַ ניקל. אַוואו זאָל איך זיי נע־מען געלט קעסיידער (כּסדר)?״ און זי וואַרפט אַרײַן אַן איי דעם טרײַבער אין זיין אויסגעשטרעקטער האַנט דער ברייטער. דער אָטאָ־באָס דערוויילע פליט זיך אויף די גומענע זעקס רעדער, ביז ער איז קיין בראָנזוויל אָנגעקומען.

„פּיטקין־פּיטקין עוועניו! רופט הילכיק אויס דער טרײַבער, עפנט אויף די טירן פאַר די פּאַסאַזשירן. שפּרינגט הינדעלע פון באָס אַרונטער און בלײַבט שטיין אויף אַן אָפן פענצטער פון אַ קעלער שטיבל.

*-''Et quoi, lui rétorque l'homme, vous voulez savoir comment aller à Brownsville. Vous voulez le savoir ? Il faut prendre à droite, puis à gauche, il faut monter monte puis descendre, et vous serez sur la bonne route pour Brownsville. Mais à pied, c'est loin, prenez donc l'autobus, vous arriverez direct sur l'avenue Pitkin au centre même de la ville''.*

*Hindele le remercie par un œuf blanc, saute dans l'autobus et part de suite.*

*-''Votre ticket s'il vous plait'', lui dit poliment le conducteur et il lui tend sa large main. Hindele ne pipe mot et cherche une place ou s'asseoir.*

*-''Votre ticket, s'il vous plait'', lui rappelle encore le conducteur. Comme si de rien n'était, Hindele s'assoit tranquillement.*

*-'' Un nickel s'il vous plait''. Le conducteur commence à perdre patience.*

*-''Voyez-vous ça voyez-vous ça'', se dit Hindele en elle-même. ''Ils veulent tous de l'argent. Le juge veut deux dollars, le chauffeur de bus un nickel. Mais d'où je prendrais tout cet argent ? ''*

*Et elle pond un œuf dans la main tendue du chauffeur. Entretemps, l'autobus roule à vive allure sur ses six roues jusqu'à ce qu'il arrive à Brownsville.*

*-''Pitkin, avenue Pitkin ! '', résonne la voix du chauffeur. Il ouvre la porte aux passagers. Hindele saute hors du bus et reste figée à la fenêtre d'une modeste pièce en sous-sol. Elle voit qu'une maman se tient devant une poussette. Elle observe avec tendresse son enfant qui lui, n'arrête pas de se lever. Alors Hindele lui chantonne :*

*Kva kva kva kva kva !*
*C'est comme ça que je me pose*
*Je ferme les yeux*
*Et un.. Et deux.. Et trois*
*Je ponds un œuf, et voilà !*

*Et en effet, on aperçoit bientôt un œuf blanc posé sur la fenêtre. Lorsque la mère voit l'œuf, elle le prend vite dans sa main, passe l'œuf devant le visage de son enfant et prononce les paroles suivantes :*

*Tout comme l'œuf est pur*
*Que les yeux de mon enfant soient innocents.*
*Tout comme l'œuf est rond,*
*Que le visage de mon enfant s'arrondisse.*

זעט זי בײַ אַ װיגל זיצט אַ מאַמע, קוקט מיט ליבשפּט אויף איר קינד װאָס האַלט אין אויפשטײן. צעזינגט זיך הינדעלע:

קװאָ־קװאָ־קװאָ־קװאָ־קװאָ!
אָט זעץ איך זיך אַװעק
און מאַך מיר צו די אויגן,—
און אײנס און צװײ און דרײַ
נעם איך אײער לײגן.

און טאַקע באַלד איז אַ װײַסע אײ געלעגן אויפן פענצטער. און אַז אַ מאַמע זעט אויפן פענצטער אַ װײַסע פרישע אײ, נעמט זי דאָס אין האַנט גע־



שווינד, פירט מיטן איין אויפן פּאַנים (פּנים) פון איר
קינד און רעדט דערביי אַזעלכע רייד:

אַזוי ווי ס׳איײעלע איז לויטער, —
אַזוי זאָלן מײַן קינדס אײגעלעך זיין לויטער.
אַזוי ווי ס׳איײעלע איז רונד, —
אַזוי זאָל מײַן קינדס פּענימל (פּנימל) זיין רונד.
אַזוי ווי ס׳איײעלע איז פריש, —
אַזוי זאָל מײַן קינדס פּענימל זײַן פריש.

אז הינדעלע דערהערט אַזעלכע ווערטער פון אַ
מאַמען ווערט עס איר אָן אַ שיר געפעלן, לאָזט זי זיך
אַוועק לייגן אייער אויף די פענצטער פון די קעלער־
שטיבער. נעמען מאַמעס די פרישע ווײַסע אייער,
קײַקלען זיי אויף די פּנימער פון די קליינע קינדער
און דערביי ריידן זיי אַזעלכע רייד:

אַזוי ווי ס׳איײעלע איז לויטער, —
אַזוי זאָלן מײַן קינדס אײגעלעך זײַן לויטער.
אַזוי ווי ס׳איײעלע איז רונד, —
אַזוי זאָל מײַן קינדס פּענימל (פּנימל) זײַן רונד.
אַזוי ווי ס׳איײעלע איז פריש, —
אַזוי זאָל מײַן קינדס פּענימל זיין פריש.

אָמן!

*Tout comme ce petit œuf est frais*
*Que mon enfant ait fraîche mine*

*Quand Hindele entend les paroles de cette mère, sa joie est sans limites. Elle part alors pondre des œufs devant la fenêtre de toutes les appartements en*
*sous-sol. Les mères saisissent les œufs blancs fraichement pondus, les font tourner devant les visages de leurs petits-enfants et prononcent ensuite ces paroles :*

*Tout comme l'œuf est pur,*
*Que les yeux de mon enfant soient innocents.*
*Tout comme l'œuf est rond,*
*Que le visage de mon enfant s'arrondisse.*
*Tout comme ce petit œuf est frais,*
*Que mon enfant ait fraîche mine.*

*Amen !*

י. קאַמינסקי

# גייט אַ הינדעלע קיין בראָנזוויל



פאַרלאַג
קינדער-רינג
ביי דעם
אַרבעטער רינג
בילדונגס קאָמיטעט
ניו יאָרק, נ. י.

קינדער-רינג ביבליאָטעק

GHT, 1937 by FERLAG KINDER RING OF THE EDUCATIONAL COMMITTEE OF THE WORKMENS CIRCLE